# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

393 | פרשת עקב | תשפ"א


## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף אמן און דאווענען אין די פרשה

### נוטל שכר כנגד כולם

"וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן אֵת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה וּשְׁמַרְתֶּם וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית וְאֶת הַחֶסֶד אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לַאֲבֹתֶיךָ" (ז יב)

דער פסוק הייבט זיך אן בלשון רבים: "תִּשְׁמְעוּן... וּשְׁמַרְתֶּם וַעֲשִׂיתֶם", און ענדיגט זיך בלשון יחיד: "וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ...", פארוואס?

זאגט **רבי ישעיהו שמשון ש"ס** פון די ווילנער מגידים אזוי פשט:

"וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן" - ווען דער גאנצער ציבור נעמט זיך צוזאמען דינען דעם אייבערשטן, דעמאלטס: "וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ..." - וועט יעדער פון ענק באקומען שכר כנגד כולם, אזוי ווי די חכמים זאגן (ברכות מז ב) אז דער וואס קומט פריה און איז פון די עשרה ראשונים, "נותנין לו שכר כנגד כולם".

'ישועות שמשון' ח"א עמ' ב

### א לויב וואס קומט צוליב די חיסרון

"וַיְעַנְּךָ וַיַּרְעִבֶךָ וַיַּאֲכִלְךָ אֶת הַמָּן... לְמַעַן הוֹדִיעֲךָ כִּי לֹא עַל הַלֶּחֶם לְבַדּוֹ יִחְיֶה הָאָדָם כִּי עַל כָּל מוֹצָא פִּי ה' יִחְיֶה הָאָדָם" (ח ג)

**טייטש רבי יוסף שאול נאטאנזאהן:**

די נאטור פון א מענטש איז נישט צו געדענקען די אלע גוט'ס וואס דער באשעפער שענקט אים שטענדיג, און וועגן דעם לויבט ער נישט אויף דעם, ביז אויב חלילה עס פעלט אים איינס פון די טובות; דעמאלטס לערנט ער זיך צו שעצן די טובה, און אויך דאנקען דעם אייבערשטן ווען ער הייבט אן צוריק באקומען די טובה. דעריבער זאגט דער פסוק: "וַיְעַנְּךָ וַיַּרְעִבֶךָ וַיַּאֲכִלְךָ אֶת הַמָּן"; הקב"ה האט נישט געגעבן מן פאר די אידן באלד ווען זיי זענען ארויס פון מצרים (זעה שמות פרק יד) נאר דערנאך וואס זיי האבן זיך געפייניגט און האבן געפילט אז זיי האבן נישט קיין עסן, "לְמַעַן הוֹדִיעֲךָ... כִּי עַל כָּל מוֹצָא פִּי ה' יִחְיֶה הָאָדָם".

מיט דעם וועט מען פארשטיין די סיבה פארוואס די חכמים האבן מתקן געווען לויבן אויף די עצם חסרון, אזוי ווי מ'זאגט ביי די ברכה "בורא נפשות... וחסרונן", ווייל דער מענטש האט א טובה פון די חסרון, ווייל דורך דעם טוט ער איינערקענען די טובות וואס ער באקומט און דאנקט אויף זיי.

'דברי שאול' מהדורא תליתאה

### זאגן "אין כאלוקינו" בעפאר די קטורת

"וְאָמַרְתָּ בִּלְבָבֶךָ כֹּחִי וְעֹצֶם יָדִי עָשָׂה לִי אֶת הַחַיִל הַזֶּה; וְזָכַרְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ כִּי הוּא הַנֹּתֵן לְךָ כֹּחַ לַעֲשׂוֹת חָיִל" (ח יז-יח)

דער 'נודע ביהודה' ערקלערט אז כדי דער מענטש זאל נישט טראכטן ביי זיך 'כֹּחִי וְעֹצֶם יָדִי' זאגן מיר יעדן אינדערפריה דעם פיוט 'אין כאלוקינו' פארן זאגן די פרשה פון קטורת. ווייל די חכמים זאגן דאך (יומא כו א) אז די קטורת מאכט רייך די וואס באשעפטיגן זיך מיט דעם. דעריבער פארן זאגן די פרשה פון די קטורת איז פאסיג דער מעטש זאל אויסרופן: "אין כאלוקינו", כדי אויך אין די צייט פון זיין רייכטום זאל ער געדענקען "כִּי הוּא הַנֹּתֵן לְךָ כֹּחַ לַעֲשׂוֹת חָיִל".

שו"ת 'נודע ביהודה' מהדו"ק או"ח י

### מאה ברכות אקעגן אלע מצוות

"וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה ה' אֱלֹקֶיךָ שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ כִּי אִם לְיִרְאָה אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ לָלֶכֶת בְּכָל דְּרָכָיו וּלְאַהֲבָה אֹתוֹ וְלַעֲבֹד אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשֶׁךָ; לִשְׁמֹר אֶת מִצְוֹת ה' וְאֶת חֻקֹּתָיו אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם לְטוֹב לָךְ:" (י יב-יג)

פון דער לשון הכתוב "כִּי אִם" זעט אויס אז דער אייבערשטער בעט פונעם מענטש א מצוה וואס איז זייער גרינג צו מקיים זיין, אבער באלד נאכדעם רעכנט אויס די תורה אזעלכע ציווים וואס זענען כולל אין זיך די קיום פון די גאנצע תורה.

זאגט **רבי אברהם סבע** בעל 'צרור המור':

די חכמים (מנחות מג ב; זוה"ק רעיא מהימנא קרח קעט א) דרש'ענען פון דער פסוק א רמז אויף די חוב וואס ליגט אויפן מענטש צו זאגן יעדן טאג מאה ברכות, ווען זיי דרש'ענען: "אל תקרי 'מה' - אלא 'מאה'". די מצוה פון זאגן "מאה ברכות" איז טאקע א מצוה וואס איז געווענליך גרינג צו מקיים זיין, ווייל דער וואס דאוונט דריי תפילות יעדן טאג און זאגט ברכות הנהנין ווי עס דארף צו זיין, וועט אן א שוועריקייט אנקומען צו די סומע. אבער די אלע מצוות וואס ווערן דארט אויסגערעכנט זענען נישט געשריבן געווארן ווי א ציווי, נאר די תורה קומט אונז לערנען אז די מעלה פון די מצוה פון 'מאה ברכות' איז אזוי גרויס, אז יעדער וואס איז מקפיד צו זאגן די מאה ברכות יעדן טאג רעכנט אים די תורה כאילו ער דינט דעם אויבערשטן מיראה און מאהבה, און איז מקיים די אלע מצוות און חוקים.

'צרור המור'

### א אוצר פון ברכות

"וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה ה' אֱלֹקֶיךָ שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ כִּי אִם לְיִרְאָה אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ" (י יב)

די חכמים (מנחות מג ב; זוה"ק רעיא מהימנא קרח קעט א) לערנען ארויס פון דער פסוק א רמז אויף די חוב וואס ליגט אויף יעדן מענטש צו זאגן יעדן טאג די מאה ברכות, און זיי דרש'ענען: "אל תקרי 'מה' - אלא 'מאה'".

לויט וואס די חכמים זאגן (חולין פז א) אז די ווערד פון יעדע ברכה איז צען זהובים האט דער 'חתם סופר' אויסגערעכנט אז דער וואס איז מקפיד אין לויף פון זיבן און פופציג יאר - פון ווען ער גייט אריין לעול המצוות ביזן אנקומען צו די עלטער פון זיבציג - זאגן יעדן טאג די מאה ברכות, וועט ער צוזאמען האבן די סומע פון אכצן מיליאן און הונדערט מיט פינף טויזנט זהובים [18,105,000].

אבער עס זענען דא וואס באמערקן אז עס זעט אויס אז א גרייז איז אריינגעפאלן אין די ווערטער פון 'חתם סופר', ווייל אויב מ'וועט ריכטיג אויסרעכענען וועט אויסקומען אז דער וואס זאגט מאה ברכות יעדן טאג אין לויף פון זיבן און פופציג יאר וועט ער האבן מער מיט צוויי מיליאן זהובים פון די סומע וואס דער 'חתם סופר' זאגט, און צוזאמען וועט עס אויסקומען צוואנציג מיליאן און הונדערט מיט פינף טויזנט זהובים [20,105,000].

'תורת משה השלם'; הערה כו שם



## המלוכה והממשלה לחי העולמים

דעם קומענדיגן מאנטאג הבעל"ט, כ"ד מנחם אב, געפאלט אויס די יומא דהילולא פון רבי אפרים זלמן מרגליות בעל 'מטה אפרים'. אין זיין ספר 'בית תפלה' האט ער געווידמעט א גאנצע קאפיטל (פרק טז) איבער די מעלה פון ענטפערן אמן, און אינצווישן שרייבט ער אזוי:

**'אין די ווארט 'אמן' זענען דא טיפע סודות, און אין די צייט וואס דער מענטש האט אינזין צו ענטפערן אמן לויט די הלכה, מיט דעם רופט ער אויס אויף די שלימות פון השי"ת'ס קעניגרייך אויף דער וועלט'.**

**עֲנִיַּת אָמֵן:** אויפן קול, מיט כוונה, ווי עס דארף צו זיין לויט הלכה.

# אוצרות אמונים

אוצרות איבער די מעלה
פון ענטפערן אמן

## 'גדול העונה אמן יותר מן המברך'
### א סעריע ערקלערונגען (ב)

**עס איז באקאנט דער מאמר חז"ל** (ברכות נג ב, נזיר סו ב): "רבי יוסי אומר: 'גדול העונה אמן יותר מן המברך'. און אסאך וואונדערן זיך: לכאורה דער מברך איז דאך דער וואס הייבט אן די מצוה, און אן אים איז נישטא קיין ברכה און נישט קיין אמן. אויב אזוי פארוואס זאגט רבי יוסי' אז די מעלה פון דער וואס ענטפערט אמן איז מער פון דער מברך?

אינעם פריערדיגן מאמר האבן מיר אראפ געברענגט פיר ערקלערונגען פון אונזערע רבי'ס די ראשונים, דא וועלן מיר צולייגן און ברענגען נאך ערקלערונגען פון די גדולי הדורות, וואס יעדער ערקלערט לויט זיין וועג, וואס פאר א מעלה האט די 'אמן' וואס צוליב דעם איז עס חשוב'ער פון די ברכה.

### ה. אמן - די שלימות פון השי"ת'ס קעניגרייך

רבי מנחם ריקאנטי שרייבט אז די גימטריה פון 'אמן' איז ווי די גימטריה פון די ווערטער: 'היה והוה ויהיה - אחד'. פון דעם זעט מען אז דער וואס ענטפערט אמן איז מייחד הקדוש ברוך הוא און רופט אויס זיין אמונה אז ה' יתברך איז 'היה' בעפאר די וועלט איז באשאפן געווארן, ער איז דער באשעפער און טוט יעצט אונטערהאלטן אין די 'הוה' אזוי אויך 'יהיה' דערנאך וואס די וועלט וועט צוריק ווערן תהו ובהו. קומט אויס אז ביים ענטפערן אמן ליגט באהאלטן א רוף אויף די שלימות פון השי"ת'ס קעניגרייך אין זיין וועלט, און וועגן דעם איז איר מעלה חשובער פון די ברכה (פירוש הריקאנטי בשלח. און אין 'בית תפלה' [פון דער בעל 'מטה אפרים'] פרק טו שרייבט ער אז דער טייטש איז דער ריכטיגער טייטש).

### ו. אמן - איז מעורר רחמי שמים

דער קדוש **רבי שלמה מולכו** טייטש: אין די צייט וואס די מדת הדין רוהט אויף די אידן און צוליב דעם זענען זיי נישט ראוי צו רחמים און ברכה, איז די כח פון ענטפערן אמן מעורר אויף זיי די מדת הרחמים, און אין איר זכות פירט זיך הקב"ה מיט זיי לפנים משורת הדין.

לייגט צו רבי שלמה: די כח פון ענטפערן אמן צו מעורר זיין רחמים אויף אידן זעט מען אויך אין די ווערטער פון רש"י אין מסכת ברכות (ז א) אויף די רירנדע שילדערונג פון דער כהן גדול רבי ישמעאל בן אלישע: "איינמאל בין איך אריין יום כיפור מקטיר צו זיין קטורת לפני ולפנים... האט מיר הקב"ה געזאגט: 'מיין קינד ישמעאל, ברכני'. האב איך אים געזאגט: 'יהי רצון מלפניך שיכבשו רחמיך את כעסך ויגולו רחמיך על מדותיך, ותתנהג עם בניך במדת הרחמים ותכנס להם לפנים משורת הדין', און ער האט מיר געשאקלט די קאפ". טייטש רש"י: "אזוי ווי ער נעמט אן מיין ברכה **און ענטפערט אמן**".

פון דעם וואס רש"י דערמאנט די ענין פון ענטפערן אמן רעדנדיג איבער די הסכמה פון הקב"ה אויף די געבעט פון רבי ישמעאל ער זאל זיך פירן מיט די אידן מיט די מידת הרחמים, קען מען זיך לערנען אז ענטפערן אמן איז מעורר רחמים אויף די אידן. און באמת, דער ענין איז אויך מרומז אין די ווארט 'אמן', ווייל 'אמן' במילואה [אל"ף מ"ם נו"ן] איז בגימטריה צוויי הונדערט מיט זיבן און ניינציג, און אז מ'וועט צולייגן צו דעם די דריי אותיות 'אמן', וועט די סומע דערגרייכן צו דריי הונדערט - אזוי ווי די גימטריה פון די ווארט 'ברחמים' ('ספר המפואר' דף יב ע"ב).

### ז. 'אמן' - א דאפלטע ברכה

די גדולי הפוסקים ערקלערן: דער וואס הערט א ברכה פון א פרעמדן און ענטפערט דערויף אמן, האט ער ביי זיך סיי די מעלה פון די ברכה און סיי די מעלה פון אמן. ווייל די עצם הערן די ברכה ווערט שוין גערעכנט כאילו ער האט עס אליין געזאגט, ווייל אזוי זאגן דאך די חכמים (סוכה לח ב): "שומע כעונה". און ווען ער ענטפערט אמן, האט ער אין זיינע הענט די ברכה מיט די אמן. דאקעגן דער מברך האט נאר די ברכה, ווייל ער קען דאך נישט ענטפערן אמן אויף זיין ברכה, ווייל די חכמים זאגן (ברכות מה ב): "העונה אמן אחר ברכותיו - הרי זה מגונה", און וועגן דעם איז דער עונה גרעסער פון דער מברך.

דער יסוד אז הערן די ברכה אליין, ווערט גערעכנט פארן צוהערהער כאילו ער האט אליין געזאגט די ברכה, און דער אמן וואס ער ענטפערט ווערט גערעכנט ווי נאך א מעלה, טרעפן מיר שוין אין די ראשונים. דער אבודרהם (תיקון התפילות ועניניהם) ברענגט אין נאמען פון רבי אברהם בן שושן אז דער וואס דאוונט שמונה עשרה, און נאכדעם הערט ער די שמו"ע פונעם ש"ץ און ענטפערט נאך אים אמן, ווערט גערעכנט ווי ער וואלט געדאווונט דריי תפילות: א. די שטילע שמו"ע, ב. צוהערן די הויכע שמו"ע, ג. ענטפערן אמן נאכן ש"ץ (שו"ת מבי"ט ח"א סי' קיז; 'פרישה' או"ח קכד ז).

### ח. אמן - א שטארקייט פון א שבועה

נאך ערקלערט דער 'פרישה': די חכמים זאגן (שבועות לו א) אז די ווארט 'אמן' קען האבן דריי באדייטן, און עס איז פארבינדן אין די זאך וואס אויף דעם איז עס געזאגט געווארן: א. 'שבועה'; דער וואס ענטפערט אמן אויף א שבועה וואס ער הערט פון א צווייטן איז עס גערעכנט ווי ער אליין זאגט די שבועה מיט זיין מויל . ב. 'קבלה' - דער וואס נעמט זיך אויס מיט זיין חבר עפעס א תנאי, און דער חבר ענטפערט אמן אויף זיינע ווערטער, האט ער מיט דעם זיך אונטערגענומען די תנאי און דארף עס מקיים זיין. ג. 'גלייבן' - ענטפערן אמן נאך א תפילה אדער א געבעט וואס א פרעמדער זאגט, באדייט דאס 'גלייבן און געבן א האפענונג' אז די זאך זאל פארוויקליכט ווערן.

לויט דעם קומט אויס אז ענטפערן אמן אויף א ברכה, האט אויך די שטארקייט פון א שבועה וואס טוט באשטעטיגן די ווערטער פון דער מברך, אקעגן די ברכה וואס איז נאר ווי געזאגט, און וועגן דעם איז גרעסער דער וואס ענטפערט אמן ('פרישה' או"ח קכד ז).

### ט. אמן - אן קיין גרעניץ

רבי אברהם הכהן דער אייניקל פון בעל 'מתנות כהונה' ערקלערט אז דער מעלה פון דער וואס ענטפערט אמן קען מען טרעפן אין דעם מאמר אליין: "גדול העונה יותר מן המברך". לכאורה די ווארט 'יותר' איז איבריג, עס וואלט גענוג געווען צו זאגן: "גדול העונה מן המברך"? נאר אזוי ווערט פארטייטש דער מאמר: "גדול העונה אמן", פארוואס? ווייל ער קען ענטפערן "יותר מן המברך". אנדערשט פון דער מברך וואס קען נישט זאגן א ברכה ווען די הארץ גלוסט אים, נאר די ברכות וואס ער איז מחוייב אין זיי, ווייל מ'טאר דאך נישט זאגן א 'ברכה שאינה צריכה'. דער וואס ענטפערט אמן קען מקיים זיין די מצוה פון ענטפערן אמן ווען ער וויל, ווייל ער קען דאך הערן ברכות פון אסאך מענטשן און ענטפערן נאך זיי אמן ('אורי וישעי' [בערלין תע"ד] שער הצדקה פרק שמיני).

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## א תפילה וואס האט אויפגעטון...

דער פאלגנדער וואונדערליכער ערציילונג איז געהערט געווארן פון הגה"צ רבי אהרן טויסיג שליט"א, פון די גדולי המשפיעים אין אונזער דור וואס האט דערציילט וואס עס האט פאסירט מיט אים, און אזוי דערציילט ער:

דאס איז געווען פאר אסאך יארן. אין א שפעטע נאכט שטונדע האב איך מיך געטראפן שטיין אליין אין א ליידיגע - נישט באוואוינטע - פלאץ אין די צפון געגנט פון די שטאט תל אביב, דערנאך וואס איך בין איינגעלאדנט געווארן צו האלטן א דרשה ביי א סעודת מצוה וואס איז פארגעקומען אין א זאל וואס איז געווען אין יענעם פארווארפענעם פלאץ.

בעפאר איך האב גענעבן מיין הסכמה צוקומען זאגן דארט די דרשה האב איך זיך אויסגענומען מיט די ארגאנעזירער זיי זאלן זארגן אויף א טעקסי וואס זאל מיך אהין טראגן און נאכדעם אהיים פירן. דער דרייווער וואס האט מיך געברענגט איז געווען זייער א העפליכער, און האט צוגעזאגט צוריק קומען נאך א שעה מיך צו אהיים טראגן, און איך האב זיך פארלאזט אויף זיין צוזאג.

די דרשה האט זיך געענדיגט און עטליכע מינוט נאכדעם אויך די סעודה. די אנוועזנדע האבן געענדיגט בענטשן ברכת המזון און זיך געזעגנט איינער פונעם צווייטן, די עלעקטער אין זאל האט זיך פארלאשן און די טירן זענען פארשפארט געווארן. אלע האבן זיך געאיילט אהיים צו גיין, יעדער מיט זיין אויטא, אבער איך בין אליין געבליבן ווארטן אויף די טעקסי-דרייווער וואס האט זיך פארשפעטיגט צו קומען. עס קען זיין אז ער האט פארגעסן פון די רייזע וואס ער דארף טון, אדער האט ער געטראכט אז איינער פון די באטייליגטע וועט מיך אהיים נעמען. אזוי צי אזוי בין איך געבליבן אליין.

דערנאך וואס די מינוטן האבן זיך גערוקט און די טעקסי איז נישט געזען געווארן אין האריזאנט, האב איך פארשטאנען אז איך וועל דארפן פרובירן טרעפן א אנדערע וועג וואס דורך דעם וועל איך קענען אנקומען אין שטוב. דאס איז געווען בעפאר די צייט פון די סעלפאנען. די שפעטע נאכט שטונדע, צוזאמען מיט די ווייטע און אפגעזונדערטע פלאץ האבן צוגעברענגט אז קיין טעקסי-דרייווער האט נישט געטראכט דארט אריבער פארן צו זוכן מענטשן וואס ווילן פארן. די טונקלקייט איז געווען א גאדעכטע, און ווייל איך האב אינגאנצן נישט געקענט די געגנט האב איך אויך נישט געוואוסט צו וועלעכע ריכטונג איך דארף גיין כדי צו טרעפן די נעענטסטע הויפט גאס. עס זעט אויס אז אויך אויב וואלט איך יא געוואוסט, וואלט איך געציטערט עס צו טון...

עס איז מיר נישט איבערגעבליבן נאר צו דאווענען א ווארעמע תפילה צו ה' ער זאל מיך ארויסנעמען פון מיין ענגשאפט. ביים דאווענען האב איך געבעטן מיט פשוטע ווערטער: "ריבונו של עולם, איך בעט דיך, שיק מיר א טעקסי וואס מיט דעם זאל איך קענען אנקומען צו מיין הויז".

יעדע תפילה אינה חוזרת ריקם; עטליכע מינוט נאכדעם שטעלט זיך אפ א טעקסי נעבן מיר, און איר דרייווער, וואס זיין אויסערליכן אויסזען האט דערציילט ווי טויזנט עדים אז ער איז פון פארבלאנדזשע ברודער וואס האבן נישט זוכה געווען צו היטן תורה און מצוות האט געשריגן צו מיין ריכטונג: "רבי, דו דארף א וועג קיין בני ברק?". ער האט נישט געדארפט זיין א גרויסער חכם דאס צו צוטרעפן...

"יא!", האב איך געענטפערט מיט גרויס שמחה און איך בין אריין אין די טעקסי. באלד ווען איך האב זיך אריינגעזעצט האב איך ווארעם באגריסט דעם דרייווער אזוי ווי מיין שטייגער: "א גוטע נאכט פאר דיר טייערער דרייווער!". איך בין איבערראשט געווארן ווען בעפאר ער האט מיך צוריק באגריסט האט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל און אויסגערופן: "ברוך שומע תפילה!".

איך האב פאר מיר געטראכט אז ווי עס זעט אויס אין די צייט וואס איך האב גדאווונט צו טרעפן א טעקסי, האט דער דרייווער געדאווונט צו טרעפן א רייזנדער צו קענען ענדיגן זיין טעגליכע פארדינסט, אבער זייער שנעל בין איך געוואר געווארן אז איך האב א טעות געהאט.

דער דרייווער האט אנגעהויבן צו פארן, זיינע רויטע אויגן האבן דערציילט אויף זיין גרויסע מידקייט, און ער האט אגאנצע צייט געזאגט: "איך דאנק דיך ה'...". נאכן דריטן מאל האב איך פארשטאנען אז עפעס אין אים שטורעמט און איידעלערהייט האב איך זיך אינטערעסירט ביי אים.

"הויכגעשעצטער רב, קוק אויפן זייגער", האט ער מיר געזאגט אנשטאט א ענטפער. די זייגער איז געווען נאנט צו צוויי אזייגער פארטאג'ס. איך האב נישט פארשטאנען וואס איז זיין כוונה, און דער דרייווער האט פארגעזעצט: "איך ארבעט היינט אין איין צו פון אכט אזייגער אינדערפריה ביז יעצט".

"איז פארוואס דרייווסטו נאך יעצט?", האב איך זיך אינטערעסירט דערשראקענערהייט, און ער האט געענטפערט: "ווייל פון אכט אזייגער אינדערפריה ביז ווען דו ביזסט ארויף אויף די טעקסי' האב מיך קיינער נישט באגריסט", האט דער דרייווער געענטפערט, און האט פארגעזעצט מיט א דערשטיקטע שטימע: "פון אכט אינדערפריה ביז יעצט האב איך געמאכט צענדליגער רייזעס. מענטשן זענען ארויף און אראפ, און קיינער פון זיי האט זיך נישט אינטערעסירט אין מיר. איך האב נאר געהערט רעדן אין די שטייגער פון: 'וויפיל קאסט עס?', 'פארוואס אזוי טייער', 'פאר שנעלער!', א.ד.ג..

דער אמת, איך בין געטשעפעט געווארן. 'וואס, איך בין גארנישט?!', האב איך געטראכט צו זיך פארביטערטעהייט, און איך האב באשלאסן אז איך גיי נישט אהיים בעפאר איך וועל פירן א 'מענטש' - איינער וואס וועט זיך אינטערעסירן, און צום ווייניגסטנ'ס שמייכלען צו מיר. אבער די שעות האבן זיך גערוקט און קיין 'מענטש' איז נישט ארויף אויף מיין טעקסי. 'פארשוינען' זענען ארויף און אראפ, אבער קיינער פון זיי האט זיך נישט אינטערעסירט אין מיר.

פון אייביג אן בין איך א פיגור פון א 'עקשן'; אויב איך האב עפעס באשלאסן - וועל איך גיין מיט דעם ביזן ענדע. אבער אין די שפעטע נאכט שטונדע האב איך פארשטאנען אז אויב איך וועל נישט עפעס טון, וועל איך מוזן בלייבן נעכטיגן אין אויטא אנשטאט אויף די בעט ביי מיר אין הויז...

איך האב נישט געהאט צו ווענדן זיך צו ווענדן אויסער צו הקדוש ברוך הוא. איך האב גדאווונט מיט די ווערטער וואס זענען ארויסגעקומען פון מיין הארץ: 'באשעפער, טו עפעס איך זאל קענען שלאפן די נאכט, שיק מיר צו עמיצער וואס זאל מיך שיין באגריסן'. עטליכע מינוט נאכדעם האב איך דיך געזען און איך האב באלד פארשטאנען אז מיין תפילה איז אנגענומען געווארן.

א דאנק פאר דיר הויכגעשעצטער רב וואס דו ביזסט געווען דער גוטער שליח!".

דערציילט ווייטער הרב טויסיג:

ווייל איך בין געווען זייער דערשראקן געווען פון די מידקייט פונעם דרייווער, האב איך באשלאסן צו רעדן מיט אים א גאנצע וועג. אין די געציילטע מינוטן וואס איז איבערגעבליבן ביז מיר זענען אנגעקומען צו מיין הויז אין בני ברק, האב איך געשמועסט מיט אים איבער אלעם וואס האט אים געקענט באשעפטיגן, אויפן לעבן, אויף די פרנסה, אויפן פירן א טעקסי און נאך... ווען ער האט זיך אפגעשטעלט נעבן מיין הויז האב איך אים דערלאנגט א פאפירענעם שטר פון פופציג שקלים, די רייזע האט געדארפט קאסטן עטליכע שקלים ווייניגער, אבער איך האב באלד צוגעלייגט מיט א העפליכקייט: "איך האב זייער הנאה געהאט פון די רייזע, עס פעלט נישט אויס מ'זאל צוריק געבן די רעשט!".

"וואס?", האט ער געענטפערט, און האב נישט געוואלט נעמען דעם שטר, "איך האב אינגאנצן נישט געטראכט צו נעמען געלט פון דיר", האט ער געזאגט. "עס איז נישטא אויף וואס צו רעדן" - האב איך זיך אקעגן געשטעלט, "איך פאר נישט אומזינסט". ווען ער האט זיך איבערגעצייגט אין מיין אנטשלאסנקייט האט ער זיך געבויגן און נישט וועלנדיג האט ער צו גענומען די געלט פון מיר.

מיר האבן זיך געזעגנט, נישט בעפאר ווען ער בעט פון מיר מיין טעלעפאן נומער. "מיר וועלן זיך נאך הערן" - האט ער צוגעזאגט, און האט אנגעהויבן פארן, אבער באלד האט ער געמאכט א 'רעווערס' און מיך צוריק גערופן:

"אנטשולדיג, רב לעבן", האט ער מיר געזאגט ווען טרערן זענען אין זיינע אויגן, "שוין אסאך יארן וואס די תפילין וואס איך האב באקומען אויף מיין בר מצוה ליגן ביי מיר אין הויז כאבן שאין לה הופכין, פון מארגן וועל איך זיי צוריק אנהייבן לייגן, און אזוי וועל איך טון יעדן אינדערפריה". "מיטן גרעסטן שעצונג", האב איך געוואונטשן מיט גרויס התרגשות, אבער איך האב נישט פארשטאנען וויאזוי איז דאס פארבינדן מיט די רייזע; "דער רב איז געווען 'א מענטש'" האט ער מיר ערקלערט, "דער רב האט מיך שיין אויפגענומען, און מיך באגריסט מיט 'א גוטע נאכט' און זיך אינטערעסירט אין מיר. איך וויל עפעס צוריק באצאלן, האב איך געטראכט נישט צו בעטן געלט אויף די רייזע, אבער דו האסט נישט צוגעשטימט. האב איך געטראכט צו מיר: וויאזוי קען איך דיר צוריק טון א טובה, פלוצלינג איז ארויפגעקומען א גדאנק אין מיין מח; איך וועל לייגן תפילין, דאס וועט דיר זיכער דערפרייען...".

הערנדיג די ווערטער האב איך נישט געקענט איינהאלטן מיינע געפילן. איך האב גענומען זיין האנט אין מיינע צוויי הענט און אים אנגעוואונטשן ברכות פון טיפן הארץ, און נאכדעם איז יענער געפארן צו זיין וועג.

דער ערציילונג האט פאסירט ז' אדר. עטליכע וואכן נאכדעם, מוצאי יום טוב ראשון של פסח האט די טעלעפאן ביי מיר אין שטוב געקלינגען, און פון די אנדערע זייט פון די ליין האט זיך געהערט א אויפגעפלאמטע שטימע, און א באקאנטע.

"דער רב געדענקט מיך נאך?" - האט ער געפרעגט. זיכער האב איך געדענקט; "א גוטע נאכט פאר דיר טייערער דרייווער" - האב איך געענטפערט, און פון די אנדערע זייט פון די ליין האב איך געקענט הערן זיין התרגשות.

"דער רב זאל מיך אויסהערן, איך האב דיך געוואלט דערפרייען און דערציילן, אז אויסער וואס איך האב זוכה געווען זיך פלייסיגן אין די קבלה וואס איך האב זיך אונטערגענומען צו לייגן תפילין יעדן אינדערפריה. דאס יאר - נאך אסאך יארן - האב איך צום ערשטן מאל געמאכט א 'סדר נאכט', ככל משפטו וחוקתו. אויב דאס איז נישט גענוג, האב איך צו דעם סדר איינגעלאדנט מיין מאמע און די פאמיליע פון מיינע שכנים וואס זיי האבן אויך נישט געפייערט דעם סדר-נאכט ווי עס דארף צו זיין שוין אסאך יארן".

"אלעס אין זכות פון דיין 'א גוטע נאכט'" - האט דער דרייווער אויסגעפירט און האט צוגעזאגט צו שטיין ווייטער אין פארבינדונג.

'ברוך שומע תפילה!'

הגש"פ 'מקרבן לתורה' עמ' קיז

עיצובים shay